DEPARTMENT
5 SEP 1932

# זאמלונג פאר ליטעראטור און קולטור

ארויסגעגעבן
פון דעם יידישן
ליטעראטן־ און
זשורנאליסטן־קלוב
אין ארץ־ישראל

## אינהאלט:

ד"ר נ. ראפאלקעס: מיר ועצן פאר אונזער ארבעט ❖ יעקב שטאל: ערד ❖ א. ריוועס: מטבעות ❖ ב. אס—ווסקי: וואס דוד פינסקי האט געווען און נישט געווען אין ארץ־ישראל ❖ ר. לאריש: לשוניזם ❖ דניאל לייבל: דער „נוי" אין דער יידישער ליטעראטור ❖ יוסף: העברעאישע אותיות וועגן אין ארץ־ישראל פארבאטן ❖ ארץ־ישראל־נייעס ❖ ידיעות פון קלוב.

תל־אביב
סעפטעמבער 1932

0250

# יידישע קולטור־געזעלשאפט
# ביים יידישן ליטעראטן־און זשורנאליסטן־פאריין
# אין ארץ־ישראל

די פארוואלטונג וואס איז אויסגעוויילט געווארן אויף דער קאנפערענץ דעם 15־טן יולי 1932 — צוזאמענגערופן דורך דער איניציאטיוו פון יידישן ליטעראטן־קלוב אין ארץ־ישראל — האט אפגעהאלטן איר ערשטע זיצונג און באטראכט די דירעקטיוון וואס זענען איר אנפארטרויט געווארן צו דער גרינדונג פון דער קולטור־געזעלשאפט ביים יידישן ליטעראטן־קלוב.

דער גרויסער אינטערעס, וואס דער צוזאמענפאר האט ארויסגערופן ביי די געקומענע געסט פון פארשידענע פונקטן אין לאנד — האט איבערצייגט, אז די גרינדונג פון דער קולטור־געזעלשאפט איז געקומען אין דער ריכטיקער צייט. איר אויפגאבע איז, צו פאראייניקן אלע שעפערישע כוחות אין לאנד, וועלכע זענען גרייט מיטצוהעלפן אין אירע קולטורעלע ארבעטן.

די פארוואלטונג פון דער קולטור־געזעלשאפט ביים יידישן ליטעראטן־קלוב לייגט ארויף א פליכט אויף די אלע באטייליקטע אין דער קאנפערענץ, זיי זאלן זיך באמיען צו ווערבירן מיטגלידער פאר דער קולטור־געזעלשאפט, פארשפרייטן דעם פראגראם און די צילן וועלכע ווערן דא אויסגערעכנט:

א) דער נאמען פון דער געזעלשאפט: קולטור־געזעלשאפט ביים יידישן ליטעראטן־קלוב אין ארץ־ישראל.

ב) דער מינימום־אפצאל פון א מיטגליד: 2 פיאסטער א חודש, (אויך מער).

ג) די קולטור־געזעלשאפט באשליסט רויסצוגעבן יעדן חודש א ליטעראריש שריפט.

ד) די קולטור־געזעלשאפט באשליסט דורכצופירן ליטעראריש אוונטן, פארטראגן איבער קולטורעלע פראגן אין די פארשידענע פונקטן פון לאנד.

ה) די קולטור־געזעלשאפט פלאנט מיט דער צייט צו עפענען יידישע אוונט־שולן פאר קינדער.

די קולטור־געזעלשאפט ביים יידישן ליטעראטן־קלוב באשטימט דעם חודש סעפטעמבער פאר אן אקציע־חודש לטובת די אויסגערעכנטע אויפגאבן — דעריבער ווערן אנגעצייכנט די סומען, וועלכע יעדער פונקט איז זיך מתחייב צו זאמלען במשך דעם חודש — און צושיקן דער פארוואלטונג פון דער קולטור־געזעלשאפט ביים יידישן ליטעראטן־קלוב:

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| תל־אביב | 15 פונט | רחובות | 3 פונט | רעננה | 2 פונט |
| ירושלים | 8 " | פתח־תקוה | 3 " | כפר־סבא, מנדיאל | 3 " |
| חיפה | 10 " | נס־ציונה | 2 " | טבריה | 4 " |

דערמיט האפן מיר, וועט געלינגט ווערן א פעסטער יסוד פאר יידישער קולטור־ארבעט אין לאנד, וואס זאל קענען פארנעמען דעם געהעריקן פלאץ אין דער יידישער קולטור־שאפונג אויף דער גאנצער וועלט.

אדרעס פון יידישן ליטעראטן־ און זשורנאליסטן־קלוב:

**ד״ר נ׳ ראפאלקעס, תל־אביב, אחד־העם 34**

פאראנטווארטלעכער (אחראי) דניאל לייבל. דפוס „פועלי-ציון", תל-אביב.

# קאנפערענץ פון פריינט פון יידיש

דעם 16-טן יולי איז פארגעקומען אין תל-אביב א קאנפערענץ פון פריינט פון יידיש, צונויפגערופן לויט דער איניציאטיוו פון קלוב פון יידישע ליטעראטן און זשורנאליסטן. עס האבן אנטייל גענומען פריינט פון תל-אביב, ירושלים, חיפה; פתח-תקוה און אנדערע ערטער.

עס איז ארומגערעדט געווארן די לאגע פון יידיש אין לאנד, און איינשטימיק איז ארויסגעזאגט געווארן די מיינונג, אז עס מוז פארשטארקט ווערן די ארבעט, בכדי צו דערגרייכן רעכט פאר יידיש אין לאנד. עס איז באשלאסן געווארן צו גרינדן ביים קלוב א געזעלשאפט פון פריינט וואס וועלן מיטהעלפן דעם קלוב אין זיין ארבעט, דורך איינארדנען ליטעראריש יידישע אוונטן, דורך ארגאניזירן אלע עלעמענטן, וואס ווילן מיטארבעטן אויפן געביט פון יידיש, דורך העלפן פארשפרייטן די קלוב-אויסגאבן און אויך מיטהעלפן מאטעריעל דעם קלוב. עס איז אויסגעקליבן געווארן א פראוויזארישע פארוואלטונג ביים קלוב מיט פארטרויאונגס-מענער אין יעדן ארט.

# א. טייטלבוים אין א״י

אין א״י האט געוויילט א צייט לאנג דער באקאנטער יידישער שוישפילער, רעזשיסאר און שריפטשטעלער א. ט י י ט ל ב ו י ם פון אמעריקע. פאר זיין אפפאר האט ער פארבראכט עטלעכע שעה מיט די תל-אביבער חברים פון יידישן ליטעראטן און זשורנאליסטן-קלוב. אין אן אויספירלעכן חברישן שמועס איז אויפגעקלערט געווארן די פראגע פון יידיש אין א״י: דער איצטיקער צושטאנד, דער קאמף פאר די רעכט פון יידיש, די קולטורעלע טעטיקייט און די פערספעקטיוון פונם קאמף.

חבר טייטלבוים האט צוגעזאגט איבערצוגעבן די פריינט אין אמעריקע וועגן דער ווירקלעכער לאגע און די פאדערונגען פון יידישן קולטור-קאמף אין א״י, און אויסגעדריקט די האפנונג, אז די הילף וועט משם אויסבלייבן.

# מ ע ל ד ו נ ג

די פארוואלטונג פונם קלוב געפינט פאר נויטיק צו מעלדן דער עפנטלעכקייט, אז דער קלוב האט קיין געמיינזאמס נישט מיט דעם אזוי-גערופענעם פארלאג „אין צוים" און דער בלומענשטער „גרופע" „אין צוים", פון וועלכער אונז איז באוואוסט נאר איינער: אברהם בליי-צפורי. דער לעצטער האט איבערגענומען די גאנצע פאסט פון קלוב, און דעריבער בעטן מיר אלע רעדאקציעס צו שיקן פארן קלוב זייערע אויסגאבן איינציק און אליין אויפן אדרעס פון פריינט ד״ר נ. ראפאלקעס, תל-אביב, אחד העם 34.

# אויסגעשלאסן

דער געוועזענער סעקרעטאר פון יידישן ליטעראטן און זשורנאליסטן-קלוב אין א״י, א ב ר ה ם  ב ל י י - צ פ ו ר י איז אויסגעשלאסן געווארן פונם קלוב לויטן באשלוס פון א חברים-געריכט, וואס איז געקליבן געווארן אויף דער לעצטער אלגעמיינער פארזאמלונג. דער אויבנ-דערמאנטער האט נישט מער קיין שייכות צום קלוב און זיינע אויסגאבן.

---


# פ י ר

זאמלהעפט
פאר ליטעראטור און קולטור

ארויסגעגעבן פון דעם יידישן ליטעראטן
און זשורנאליסטן קלוב אין ארץ־ישראל

תל-אביב — סעפטעמבער — 1932


ד״ר נ. ראפאלקעס

## מיר זעצן פאר אונזער ארבעט

דער קעמפנדיקער רעאקציאנערער העברעיזם ביי אונז האלט זין אויף די אידעאלאגן פון בירנערטום, אויף דער פיינשמעקערישער פאך־אינטע־ליגענץ פון שרייבער, לערער און פקידים, אויף סתם אינטעליגענץ און האלבער אינטעליגענץ, וואס איז אין לאנד אריבער צו פראדוקטיווער ארבעט. די דאזיקע גרופן האבן עס נעפרווט איינווארצלען דע העברעאיזם אין לאנד און איצט פארטיידיקן זיי אים מיט ציין־קריצעניש.

אבער פאר די לעצטע יארן איז אריין אין לאנד א מאסן־עלעמענט, וואס איז מער אדער ווייניקער געווען נעבונדן אין די אלטע היימען מיט דער ארטיקער פאליטיק, צו ער האט זיך דארט אקטיוו באטייליקט אין פאליטישן לעבן, צו א דאנק דער דארטיקער פאליטיק איז ער ארויסגעריסן נעווארן פון זיין איינגעזעסענעם ארט און איבערגעוואנדערט אין ארץ ישראל. אטא דער דאזיקער עלעמענט, אריבערקומענדיק אין לאנד, ווערט דא ממש געשטעלט מהוץ למחנה.

אויב אין דער גאנצער וועלט איז דער רוב פון דער באפעלקערונג פאסיוו און אפאליטיש, און נאר א פארהעלטנישמעסיק קליינער טייל באטייליקט זיך אין פאליטישן לעבן, איז אין ארץ ישראל די דאזיקע דערשיינונג געווארן נאך בולטער. פאליטיק איז דא נעווארן באמת דער מאנאפאל פון א קליינעם הייפל כלל־טוערס, דער ברייטער עולם שטייט לגמרי אן א זייט. נאר בשעת וואלן ווערט דער דאזיקער לעבעדיקער מת גאלוואניזירט. ער פארשטייט נישט די אפיציעלע העברעישע שפראך, שוין אפגערעדט פון די איבריקע צוויי אפיציעלע שפראכן, ער האט נישט קיין צייטונגען, ער באקענט זיך מיט די געשעענישן אפילו אין לאנד נופא מיט א פארשפעטיקונג פון הדשים, ווען די אויסלענדישע פרעסע מיט די ידיעות פון לאנד קומט אין א״י; און ווען מען הויבט זיך שוין אן לערנען די שפראך, דויערט עס לאנג, און דערווייל קוויקט מען זיך מיטן

„אמעריקאנער“, מיטן „בלאפער“, מיטן „בינטל בריוו“ אין „פארווערטס“, און אז עס קומט די נחמה איז שוין לאנג ארויס די נשמה, קאן מען שוין די שפראך, האט שוין די אויבנדערמאנטע „ליטעראטור“ לאנג פארטעמפט די מוחות, מען האט שוין לאנג פארלוירן די פעיקייטן אויפצונעמען אן אנדערע ליטעראטור, דער אינטערעס צום פאליטישן לעבן איז שוין אויך אינגאנצן פארשוואונדן. דאס איז די סבה, וואס ביי אונז האט פאר דער לעצטער צייט באקומען אזא גרויסן אפזאץ־מארק די שפאנל־נייעסטע העברעישע דעטעקטיוו־ליטעראטור מיטן נאציאנאלן ערלאק האלמס — תדהר, בראש.

דאס בירגערטום מיטן שטריימל און כלי קודש, וואס חלומט וועגן אן אלט־ארץ־ישראל מיטן כותל מערבי אין צענטער, רייבט זיך די הענט פון הנאה, שעפט נחת פון דער היסטארישער המצאה, מיט וועלכער עס איז געלונגען צו דערוייטערן דעם המון און די ארבעטנדיקע מאסן פון דעם פאליטישן לעבן, צו מאכן זיי פאר געהאבזאמע קנעכט פון דער ציוניסטיש־העברעיסטישער פאליטיק און שאפן א נייעם יידיש־העברעישן שבט, אפגעריסן פון יידישן פאלק אין דער גארער וועלט און הויפטזעכלעך פון די רעוואלוציאנערע מאסן דארט.

עס איז אבער נישט אמת, אז דער עולם איז א גולם. א טראפן נאך א טראפן ברעכט אפילו א שטיין, און שוין מערקן זיך פאר די לעצטע יארן מיטן צופלוס פון מאסן־עלעמענטן אין לאנד, די ערשטע שפאלטן אין דער העברעיסטישער פעסטונג; עס הויבן זיך אן ביסלעכוויז אויסצוווקסן די רעזולטאטן פון דער אפגעשלאסנקייט פאר די פיר־פינף מלחמה יארן, ווען דאס לאנד איז געווען אפגעריסן פון דער גאנצער וועלט. שוין איז „זשארגאן“ געווארן „יידיש“, מען געפינט שוין פאר נויטיק זיך אנטשולדיקן מיט „טעכנישע סיבות“ פארן אויסדרוק „זשארגאן“ (בן־צבי אין ועד הלאומי), דער „גדוד מגיני השפה“ פארלירט שוין ביסלעכוויז זיין האפערדיקע הוצפה און איז פון די גאסן אריין אין דער אינערלעכער אינטימער משפחה־קארעס־פאנדענץ. אין די גאסן פון תל־אביב קלינגט שוין דרייסט און הויך די יידישע שפראך, נישט געקוקט אויף די אנאכראניסטישע אויפשריפטן „עברי דבר עברית“, „דבר עברית והבראת“, „נא לדבר בלשון הקודש“ (אין רבנות אין פתח־תקוה).

אונדזער אויפגאבע, די אויפגאבע פון די, וואס גיבן זיך אפּ א קלארן דין וחשבון פון דער רעוואלוציאניזירנדיקער באטייטונג פון יידישן ווארט אין ארץ־ישראל, פון די, פאר וועמען די פאלקס־שפּראך איז נישט נאר אן אביעקט פון קאבינעט־עקספּערימענטן און פילאלאגישע חקירות, נאר א כלי־זין אין טאג־טעגלעכן קאמף, — אונדזער אויפגאבע איז ברייטער צו מאכן די דאזיקע שפאלטן אין דער העברעיסטישער פעסטונג; צו דעם צוועק מוזן מיר פארייניקן די אלע עלעמענטן, וואס קעמפן פאר יידיש, אקטיוויזירן די שיכטן, וואס צעווארפענערהייט בילדן זיי נישט קיין כח, צוזאמענקלייבן די כחות ארום דעם ארגאניזירטן קערנדל, אויסברייטערן די



קאמף־באזע פון יידיש, גרינדן אין יעדער שטאט און קאלאניע דעם ערשטן קערן, פרובירן ארגאניזירן קורסן פאר יידיש פאר די שול־קינדער, זיי זאלן דא נישט ווערן קיין „העברעישע גויים“, און נישט אפרייסן זיך פון יידישן המון, און אין דער ערשטער צייט ארויסגעבן א יידישע פעריאדישע אויס־גאבע, וואס זאל אינפארמירן דעם יידיש־רעדנדיקן עולם אין לאנד גופא, און אויף אזא אופן פאליטיש אקטיוויזירן די מאסן, וואס איז דורכן בירגער־טום אין משך פון יארן געטריבן געווארן צו פאסיווקייט.

מיר ווענדן זיך פאר אונזער אנהייב און רופן אלע די, וואס זענען מיט אונז אייניק, העלפן אונז אין דער דאזיקער רעוואלוציאנערער ארבעט.

---

יעקב שטאל

## ע ר ד

פארנאכט פארגייט די זון מיט ווארעמקייט אויף ערד,
א דינער טוי געוועב פארוועבט דאס גרינע פעלד,
א רויטער הימל פאס גליט אן די בערג ארום,
א ווינטל וויעט שטיל אויף גראז און אויף געצעלט.

קינדער אויסגעוואקסן גייען איינס־און איינס,
צו נאכט, צו היים און רו עס אטעמט ווייער ליד.
אין גראז, פון טויען פייכט, עס טרעטן ווייערע פיס,
גרויסע קינדער אויגן איינס צו איינס צוגליט.

אפגעברענטע הענט אויף אפגעברענטע אקסלען,
די פרייד פון אוונט שעה צעלאכט אויף ווייערע ציין,
דאס קול פון ער און זי טראגט זינגענדיק דער ווינט,
און שפינט און שלייערט איין דעם רויען גרויען שטיין.

דער שניט פון אקער אייזן האט אויסגעגלייכט די הענט,
די אויסגעגלייכטע ארעמס ציען פאסן ערד —
דאס מעסער שניידט די ערד אין גלאנץ פון שטאל און זון
אין ווילדן מדבר זאמד איז גראז און ברויט באשערט.

פון ווייטע פרעמדע ימען האט דער טריט דערגרייכט
צום ווארעמען ברויט און מילך און פרישן ריח פון שטאל,
די ברכה קומט פון ערד מיט יעדן טריט און שפאן,
פארבארגן צווישן פעלזן ליגט אן אלטער קוואל.

מיט וואַרעם ברויט און מילך ווינט איין די נאַכט צום שלאָף,
מענער אָטעם צינדט די יונגע טעכטערס פרייד,
אויף גרינעם גראָז און טוי גייט אויף דעם מיידלס טראַכט,
דער סוד פון מענער־אָטעם אין מיידלס לייב פאַרגייט,

דער שלאָף אויף הוילער ערד מיט אויפגעוואַכטע אויגן,
די נאַכט באַוואַכט דעם שלאָף אויף וואַרעם הויט און לייב.
געבוירט פון נייעם דור זאָגט אַן דער מאָרגן שטערן,
דער מאָרגן שטערן שיינט אויף שלאָף פון מאַן און ווייב.

געבוירן ווערט דאָס קינד, פון ערד צו ערד געטראָגן,
די זון — זי בריט די קינדער אויף די זאַמדן אויס,
דאָס גייט פון מוטערס שויס אַראָפּ צום גרינעם פעלד,
די זון מאַכט אויף די טיר און פירט דאָס קינד אַרויס.

אַ בלויער מילדער ווינט באַגלייט די טריט פון קינד
דאָס הוילע נאַקעט לייב שפּאַצירט אויף גרינער ערד.
די נייע היים וועקט אויף דאָס קול פון אַלע צייטן,
פון הייסן מדבר זאַמד איז קינד און ברויט באַשערט.

---

## אי. ריוועס

# מטבעות

ווען דער האָן האָט צום צווייטן מאָל אַ פּאַטש געטאָן מיט די פליגלען אין דער פינסטערניש, — און פון דער גושענדע אַראָפּ אויסגעקרייט זיין ברכה, — האָט מוסטאַפאַ זיך געגעבן אַ ריס אויף פון געדיכטן שלאָף, זיך אַ שטעל געגעבן אויף די באָרוועסע פיס, אויסגעטרעטענע ווי האַרטע לעדער. זיין שפּיציקי, געקרייזלט קעפּל האָט אויך אַ שפּאַר געטאָן דעם פאַרקאַפּטשטן ציגן־האַריקן דאַך פון געצעלט. ער האָט אַ פּאָר מאָל אין טאָטן אַריינגעשאָלטן אין דער געדיכט־אַנגערייכערטער פינסטערניש און זיך פאַרמאָסטן אַרויסצוגיין אין דרויסן. ער האָט זיך אָנגעשטויסן אויף דער לינגדיקער קו מיטן גרויסן בויך אויף דער ווייך־געמיסטיקטער ערד. זי האָט מיט די ציינער ריטמיש, מיושבדיק געמאַלן אין דער נאַכט אַריין.

— ליג, מיין פריינט, — האָט ער איר אַ גלעט געטאָן אויף דער וואַרעמער פעל. — אין־אַל־אַבוקי, וועסט זיך עם אָפּקעלבן אַ ליאַדע טאָג, — הע... — האָט ער פאַרענדיקט מיט אַ שנאָרך פון נאָז אַרויס.

מיטן גאַנצן גוף האָט ער זיך צעליינט אויף דער ערד, אַריינגערוקט אַ פּאָר טרוקענע שטרויען אין גריבל און צעבלאָזן מיט אָנגעשוואָלענע ליפּן. די פינסטערניש האָט



אַ צאַנק געטאָן מיט אַ ברודיקן שיין — און ווידער אָפּגעשטאַרבן. פון אונטערן געצעלט האָט אַ גאַרגל געטאָן דער קניענדיקער קעמל. די ציינער זיינע, ווי די פינגער, האָבן זיך געפלאָכטן און אויסגעשפּילט אַ טרוקנס. אַלץ האָט אָנגעהויבן זיך צו וועקן אין דער קאַלטער, ראַסיקער נאַכט. מוסטאַפּאָס אַלטע מאַמע האָט אויפגעקלעפּט אירע פאַרראַפּעטע אויגן, זיך פאַרשלאָפן געקראַצט צווישן די פאַרקנייטשטע טראָטעם און אַריינגערעדט אין חושך:

— גייסט שוין, זון?

— אייוואַ, דער וועג איז אַ לאַנגער ביז זון אויפגאַנג.

— ניי, זאָל דיר דער וועג פאַר די פיס קומען.

ער האָט אַ פּאָר מאָל אַריינגעסטענקעט אין דער קאַלטער נאַכט און זיך צעלאָזט מיט די באָרוועסע פיס אויף בלינדער ערד. איינגעטוליעט דעם שלאַנקן קערפּער אין אַ געוואַנטענעד אַבאַיע, אַרויפגעצויגן איבערן קאָפּ.

ער איז געשפּרונגען ווי אַ האָז איבערן פעלד. מיטן מעדר אונטערן אָרעם, אַ לאַנגן מהלך האָט ער באַדאַרפט דורכשפּאַנען. פון דער ווייטן האָבן הינט געבילן. הינטישע שאָסן אין דער נאַכט. ער האָט זיך אַריינגעשניטן אין אַ שמאָלן וועגל. פון בײדע זייטן האָבן אים צוזאַמענגעפּרעסט מיט געדיכטן חושך לאַנגע, אַנסופיקע ווענט פון פּרדסים. ער האָט זיך געשניטן מיט באָרוועסער שטילקייט אין שמעקנדיקע בשמים־דופטן. איין לאַנגער, פינסטערער טונעל. אינסטינקטיוו האָט ער זיך אַ טאַפּ געטאָן ביי דער זייט. דער צונעפּעסטיקטער מעסער אין שיידל האָט אים אַ זיכערקייט צעשפּרייט אונטער די קליידער. ער איז פון דער פינסטערניש ווידער אַרויסגעשווומען אויף אַ פרייַ פעלד, אַ ברייט פעלד האָט זיך פאַר אים צעשפּרייט, אַ ניים — און דאָ דאַרף ער נאָך גיין און גיין.

די ווייסע זילבערנע מטבעות האָבן מיט כשוף געשטויסן. גאַנצע קופּקעלעך ליגן ביי אים אין געצעלט, אין דער ערד פאַרבאָרגן. וויפל שוויים דאַרף ער עם פון זיך אַרויסגיסן, ביז ער זאָל זיך אַ ווייב קויפן?

כאַנון, די טאָכטער פון אַבו אַל־כאַמדאַן, די ברוינהויטיקע פּופּצן־יאַריקע בתולה האָט אים אַן אַ שיעור געמאַניעט און געצויגן צו זיך. אין אירע שוואַרצע פאַרפירערישע אויגן האָבן זיך געצונדן פייערן פון נישט איינגעשטילטע זינד. זי האָט געלייגט אַ חתימה אין זיין ווילד ברויזנד האַרץ. זיינע הייסע בלוטן האָבן געכוואַליעט מיט באַגער און אומרו. זי האָט אויף אים געוואָרפן אַ פאַרכשופטן נעץ — און ער האָט זיך אַלץ מערער געוויקלט אין דעם. געוואַלט דערגרייכן מיט די הייסע אָרעמס — איר. כאַנונען. אויף זיינע פינגער האָט געגליט דער פייער פון איר ברוינער הויט. איר אָטעם האָט פאַרשכורט און ווילד געמאַכט.

אַבו אַל־כאַמדאַן איז שטאָלץ ווי אַ טייטל־בוים. ער האָט מיט קנאַכעדיקער, בראָנזענער האַנט מיושבדיק און מיט פאָטערלעכער רואיקייט אַ גלעט געטאָן זיך אין דעם ווייס־זילבערנעם אַרומגעזוימטן בערדל, און האָט אַזוי געזאָגט:

— וועט מוסטאַפאַ דער זון פון זעלינן פאַיד, פריד אויף אים און די זיבן קיניגרייכן פון מוכאַמעד אונזער נביא, פאַרנעמען מיינע רייד. זאָל ער צוויי מאָל נישט באַלעסטיקן זיין מויל. די פיס פון מיין כאַנון וועט נישט איבערטרעטן דיין געצעלט, ווען מוסטאַפאַ וועט נישט אויסצאָלן זיין גאָב.

מוסטאפא איז איבערן פעלד אין ווילדער משוגעת נגלאפן, ווי מען וואלט אים געטריבן מיט הונדערטער בייטשן. די פינסטערע גרודעס ערד האבן אוש געבריט זיינע בארוועסע טריט. פון זיין האלז האבן זיך פריידיקע ספאזמעס ארויסגעריסן.

— ער וועט איר דערגרייכן, ער וועט איר דערגרייכן.

— די זילבערנע מטבעות וואקסן ביי אים א"ך העכער, העכער — — —

ער האט געהירזשעט מיט ווילדער פרייד, ווי א היים-בלוטיק פערד. איבראהים האט אים אויפן שייד-וועג באגעגנט.

— זיי געבענטשט! — זיינע ווייסע ציינער האבן א בליאסק געטאן. א גרויע בלינדקייט האט געפויזעט אויף דער ערד.

— זאלסט צוויי מאל זיין געבענטשט — האט אים מוסטאפא מיט א האנט-באוועגונג פון שטערן צום הארצן באגריסט.

— ביי א פוילן באלעבאס רייסט זיך דער אייזל פון שטריק אפ. — און וואס איז די שמחה מיט דיר, מוסטאפא, וואס די לופט איז פול מיט דיין פרייד-געשריי?

ס'איז אומעטיק, ברודער, דעם גייער אויף איינזאמען וועג. מיט מיין שרייען אין באגינען פארטרייב איך די נישט גוטע פון מיינע פיס.

— מאלעש, נאך א פערטל שעה וועגן מיר אויפן ארט.

זיי זענען אנטשוויגן געווארן. מ'האט בלויז געהערט דאס שארכען פון די טראגנדיקע בארוועסע פיס אויף דער ערד. דער הימל האט זיך אין הארויזאנט אין א גרויקייט צעגאסן, אויפגעדעקט דעם שלאף פון דער ערד.

זענען אויף וועג אויסגעוואקסן געווארן געשטאלטן איינגעטוליעטע אין אבאיעס, שווארצע פלאכטעס האבן געשוועבט מיט בארוועסער שטילקייט און פארשלאפענעם באגינען. ברוין פארבאקענע פנימער. שווארץ-הויטיקע — געגאסענער בראנז. ס'האט געבליצט מיט ראזע ווייסלען און ליכטיקע ציינער פון אונטער די געשוואלענע, ארויסגעזעצטע ליפן.

שמועסן האבן זיך געפלאכטן וועגן באלעבאטישקייט און פעלד. וועגן פרעמדע וואס באזעצן זיך אויף שטיקער ערד, — די ווידערשפעניקע פון ליכטיקן אללא אין הימל.

— דער יאהוד, דער נישט גלויביקער איז קליגער פארן טייוול.

— זיינע געצעלטן געפינען שוק אויפן בארג, — און מיר ברעכן די פיס ווי די אייזלען.

— די מטבע יאכאביבי, איז קיילעכדיק. זי וועט דיר פארפירן אין גהינום.

זיי זענען אויפן פלאץ שוין געווען. אין א רעדל איינגעזעסן מיט די פיס פארלייגט אונטער זיך. אין דער טאג איז נאך פארשטעקט געווען אונטער ראסיקער, קאלטער ערד.

— וועט שוין דער טאג אן אויסגעלאשענער זיין?

— וועט דען קיינמאל די זון נישט אויפגיין?

צו וואס האט זיך כאליל געפעדערט אזוי פרי? — און כאסאן? און דער אלטיטשקער, ווייס-באבערדלטער אבו-מאכמוד מיט די שטראלנדיקע בעקלעך און האניק-ליפעלעך, וואס דער זאטער עלטער גליט פון זיי מיט א שמייכל אראפ. זיינע אויסגעלאשענע, שווארצע קויל-אויגן, וואס האבן נעפינסטערט ווי נאך א שרפה האבן געטרערט אין באגינען. די איינגעטריקנטע ליפן האבן געמורמלט עפעס א שטילס. א תפילה.



אלץ האט זיך געיאגט נאך דער זילבערנער מטבע, וואס האט געלאקט און געמאניעט גליסטערס אראבישע. זיי האבן זיך געצויגן נאך איר איבער ווייטן סטעפ, פון יענער זייט בארג, קילאמעטערס ווייט.

ווען די זון האט ארויסגעשטארט דעם רויטן בויך ביים ראנד פון דער ערד — האט כאסאן דער ערשטער באריט מיטן פארבונדענעם שטערן די פייכטע ערד. ער איז כורעים געפאלן און געבענטשט:

— אין אויסגעלייטערטן פרימארגן זינגט א תפילה צו דיר, אללא, דו אלמעכטיקער, — דיין הנעכט.

— באגענט זיך דאס העכסטע וואס אין מיר חכמה און פארשטאנד — מיט דיין באשאף, די ערד.

— גלייכע וועזנס זענען מיר ביי דיר, אללא, דו אלמעכטיקער.

— פון מזרח זייט שפרייטסטו אויס דיין ליכטיק אויג. צייכנסט פאר די גלויביקע, פון דיין נביא מוכאמעד, א טאג א זיניקון.

— זאל זיין געבענטשט. — פארניב די ווינד פון מזרח, מערב, צפון, דרום, — די פיר טיילן פון דיין קיניגרייך. —

האט ער זיך צעציקלט בעל-תפילהדיק מיט א טענאר שטימע. זיך געהויבן העכער, העכער. אויף שטאפלען געקלעטערט. אוש דעם הימל דערגרייכט. א אנגעצויגענער שנור מיט קול'עכלעך האט געקלונגען אין ראזן פרימארגן.

האבן די פייגעלעך זיך אין גראז א טרייסל געטאן. זיך פריידיק צעפישטשעט — און געוויזן אויך וואס זיי קענען. און די זון האט אויפגעדריוט דעם קנויט. עס לייכט. דער טאג גייט אויף א גאנג.

---

ב. אס־ווסקי

# וואס דוד פינסקי האט געזעז
# און נים געזען אין ארץ ישראל

אונזער אלעמענס באקאנטער יידישער שרייבער און געזעלשאפטלאכער טוער דוד פינסקי האט דעם פרילינג פארבראכט א פאר חדשים אין אונזער מדינה און ווי דער שטייגער איז מיט חשובע געסט, וואס קומען פון די ווייטע מקומות אונז צו באזוכן, זיך צו באקענען מיט אלע אונזערע אופטואונגען אויף די געביטן פון פאליטיק, ווירטשאפט און קולטור, איז אויך אונזער חבר פינסקי געווען שטענדיק ארומגערינגלט מיט די אפיציעלע און אומאפיציעלע „הסתדרות" וועג־ווייזער. וואס ווייסען שוין וואס מע דארף ציינן, א חשובן גאסט און האבען שון אויך פארטיגע פירושים אויף יעדער געזעענע־ דערשיינונג, אויף יעדן קלענערן און גרעסערן אויפטו.

דאך קאן מען ניט זאגן אינגאנצן אויף פינסקין, אז ער האט זיך ניט ניט פארזינדיקט אויף א רגע און ניט געכאפט א קוק מן הצד, אז ער האט א

מאל חלילה נים באמערקט דאס, וואס דער אפיציעלער וועג ווייזער האט נים אנגעצייגט מיט זיין וועג ווייזערישען שטעקעלע.

און אזוי ווי דוד פינסקי איז דאך איינער פון די גרינדער און היפט פירער פון דער אמעריקאנער אידישיסטישער „קולטור געזעלשאפט“ און אויך איינער פון די רעדאקטארן פון „יידיש“. לייענען מיר טאקע אין „יידיש“ פון 22 טן יולי, פינסקים א קורץ בריוול, וואו ער לאזט וויסן, „אז די אידישע ליטעראטור האט דא א סך לייענער“ און אז „די סטודענטן פון ארבעטער סעמינאר האבן ארויסגעוויזן א ערנסטע באציאונג, וויט נישט קיין פיינטלעכע צו זיין (פינסקים) פארטראג איבערן דער יודישער ליטעראטור און דראמע“.

פארשטייט זיך, אז דא באמערקט שוין דער „וועג ווייזער“: „עס איז אבער דא ווייניק צו לייענען, ווייל קיין געלט איז ניטא מיט וואס צו קויפן א בוך“. אדער „מיט העברייאיש זיינען זיי שוין זיכער און קאנען זיך דערלויבן א גרעסערן אינטערעס צו די שאפונגען אין יידיש“.

און אזוי ווי פינסקי אליין האט קיינמאל נים געצווייפלט, אז „העברייאיש איז די שפראך פון ארץ ישראל“, האט ער שוין אין איין וועגס געזען אפילו „געוועזענע אידישיסטן, וואס האבן כמעט זייער אידיש פארגעסען“.

און דערפאר טאקע, האט עס דוד פינסקין, איינעם פון די גרינדער און פירער פון דער „קולטור געזעלשאפט“ און איינעם פון די רעדאקטארן פון „יידיש“ נים אינטערעסירט אפילו, דאס וואס הלל ראגאוון און לעא ליאוון האט יא אינטערעסירט זיך צו זען און צו שמועסן מיט די פארשטייער פון הינגן „יידישן זשורנאליסטן קלוב“, מיט די ארויסגעבער און שרייבער פון „איינס“, „צוויי“ „דריי“ „מאי“ און „יוני“ „א חתונה אין קאטרא“. א מענטש וואס האט קיינמאל נים געצווייפלט אז העברעאיש איז די שפראך פון א"י, קאן מען זיך זעלבסטפארשטענדלאך באגוגענען מיט געוועזענע יידישיסטן, וואס האבן „כמעט זייער אידיש פארגעסען“.

ווייל ווען דוד פינסקי זאל נים געווען זיין אזוי זיכער ביי זיך, אז העברעאיש איז די שפראך פון א"י, וואלט ער אויסער געוועזענע יידישיסטן, וואס האבן זייער יידיש פארגעסן, אויך געזען תימנער, פרענקן און בוכארער, וואס האבן דוקא דא, אין תל אביב, צי אין ירושלים, צי גאר אין א יידישער קאלאניע, זיך אויס־ווי אפילו אראבישע הענדלער לאזן וויסן וועגן זייערע סחורות, סיי אין קאלאניע און סיי אין שטאט דוקא אויף יידיש: „אייער“ „ציבעלעס“ און „הינדעלאך“, זיי טוען עס זיכער נים צוליב זייער יידישיזם. דעמאלט וואלט ער אויך געהערט, ווי דער ארבעטער אין פאבריק און אויפן פעלד, דער בעל-עגלה ביי די פערד און שאפער ביים אויטאמאביל, ווי זיי אלע שמועסן, ארבעטן און בעל עגלעווען דוקא אויף אידיש, אפשמאל טאקע ערשט דא אין לאנד פון העברעאיזם, זיך אויסגעלערנט.

דעמאלט וואלט ער אויך געזען, ווי מעז לייענט גאנץ געשמאק סיי אין די פריוואטע היימען און סיי אין די עפנטלעכע לייען שטיבער, די טעגלעכע און די וועכנטלעכע יידישע צייטונגען פון גאר דער וועלט, פון אמעריקע און



פון פוילן, פון ליטע און פון לאטוויע. דעמאלט וואלט ער נאך און נאך געזען און עס וואלט כדאי געווען.

עס קאן באמת זיין, אז נאד א מאל מיט א פאר צענדליק יאר צוריק ווען די היגע יידישע אימיגראציע איז באשטאנען הויפטזאכלעך פון חלוצישע בחורים און מיידלעך וואס האבען מיטן רוקן זיך געשטעלט צום נאענטן עבר, דעמאלט „אין יענע נוטע יארן“ האט זיך אפשר נעקאנט טרעפן, אז א געוועזענער יידישיסט זאל זיין יידיש פארגעסן, אבער היינט, ווען די בחורים און מיידלעך האבן אראפגעבראכט אהער טאטע-מאמע, ברידער און שוועסטער, ווען סע איז פארט נים מעגלעך „אויסצושניידן די צינגער“ איז שוין העברעאיש גאר נים אזוי זיכער מיט איר פאזיציע, ווי מאנכע שטעלן זיך עס פאר.

און ווען דער חשובער חבר פינסקי זאל זיך געווען ווענדן צו אונז, וואלטן מיר אים שוין געקאנט צייגן שול קינדער, וואס רעדן א גאנץ זאפטיקן יידיש, און שעסן זיך גאר נים דערמיט, וואלטן מיר אים געקאנט צייגן, ווי ביי זיצונגען פון קאלאניע קאמיטעטן (ועדי המושבות), איז יידיש שוין איצט כמעט די אומגאנג שפראך און אפילו ווען איינער עקשנט זיך איין און רעדט דוקא העברעאיש, מוזן זיינע ווערטער איבערזעצט ווערן. יא, חבר פינסקי, עס איז גאר ניטא יט וואס צו זיין אזוי זיכער, שווערן קאן מען יעדנפאלס נים.

וואלט נאר דוד פינסקי נעקאנט פועלן ביי זיינע פארטיי חברים, זיי זאלן לפחות, איין מאל אין וואך ארויסגעבען צום „דבר“ א יידישע ביילאגע, פונקט ווי מע האט ארויסגעגעבן א דייטשע אדער א ענגלישע, וואלט ער ערשט דעמאלט געקאנט זען ווי גרויס עס איז דער פארלאנג צו א געדרוקט יידיש ווארט און ווי גרויס עס איז דער צער פון ברייטן יידישן עולם, וואס מוז נעבעך ווארטן צוויי און דריי וואכן ביז ער באקומט דעם ווארשעווער „היינט“ און דעם ניו־יארקער „פארווערטס“, כדי פון זיי געוואר צו ווערן וואס עס טוט זיך דא אין לאנד.

סיי דוד פינסקי און סיי זיינע קאלעגן פון „יידיש“, מעגן וויסן אז עס וואלט נים נאר געווען א מצוה צו באשאפן א פאנד, צו באזארגן א"י מיט די ווערק פון דער יידישער ליטעראטור (וואס זאל מסתמא ליגן אין די הענט פון דער „ועדת התרבות“), נאר עס וואלט אויך געווען שוין גאר נים קיין קלענערע מצוה, צו באשאפן א פאנד, אויף צו באזארגן א"י מיט א יידישער טאג אדער וואך צייטונג, נים אזוי צוליב די אפיציעלע יידישיסטן, נאר צוליבן פשוטן פאלק, צוליבן פשוטן יידן, וואס איז דארטן אין די גלות לענדער געוואוינט געווען צו לייענען יעדען טאג א פרישע צאפלדיקע צייטונג און האט שטענדיק געוואוסט אין צייט וואס עס טוט זיך אין ארץ ישראל און איצט לעבנדיק אין ארץ ישראל גופא, מוז ער ווארטן וואכן און חדשים.

יא, חבר פינסקי און חברים פון „יידיש“, עס איז אלעס אמת. עס פעלט דא א יידישע צייטונג. עס פעלט א לעקציע אין יידיש, א פארשטעלונג און אפשר אויך א יידיש טעאטער און אז איר ווילט פעלט דא אויך א יידישע קינדער שול. און דאס איז בשום אופן נים דערפאר „ווייל העברעאיש איז די שפראך פון לאנד“ ווייל דער נצחון פון העברעאיש איז געזיכערט, נאר דערפאר

ווייל העברעאיש איז די שפראך פון דער אינטעליגענץ, וואס שעמט זיך נאך אלץ מיט „זשארגאן", ווייל העברעאיש איז די שפראך פון די אפיציעלע ציוניסטישע און הסתדרותישע ארגאניזאציעס און מע לייגט זיך נאך אלץ אין דער לענג און אין דער ברייט ניט צו לאזן אז יידיש זאל פארנעמען א פלאץ אין היגן יידישן לעבן.

אבער אויך צו דעם וועט דאך קומען א מאל א צייט. פונקט, ווי עס האט ניט געהאלפן דער שטארקער ווילען און קאמף, ארויסצורייסן דאס יידישע ווארט פון מויל ביי די פאלקס מאסן, פונקט ווי מע האט געמוזט זיך אונטער־געבן און לאזן דעם עולם לייענען ווארשעווער און ניו יארקער טאג און וואכן צייטונגען, אזוי וועט מען זיך מוזן אונטערגעבן און אויך לאזן דעם ברייטערן עולם, צו לייענען א טאג אדער וואכן צייטונג, וואס וועט ארויסגעגעבן ווערן אין תל אביב, אדער אין ירושלים. דאס וואס איר האט געזען איצט, חבר פינסקי אין 1932, האט איר ניט געקאנט זען מיט 5 יאר צוריק אין 1927 און דאס וואס מיר ווילן זען מיט 5 יאר שפעטער, זען מיר ניט היינט, און דוכט זיך, אז מען וועט שוין איצט גיט דארפן ווארטן אזויפיל.

די צייט רוקט זיך פיל שנעלער ווי איר, און מיר קאנען זיך פארשטעלן און די געוועזענע יידישיסטן וואס האבן כמעט זייער יידיש פארגעסן, דא אין יידישן ארץ ישראל, וועלן זיך צוריק דערמאנען יעדעס יידיש ווארט. ניט געזארגט, חבר פינסקי. נאך אלעמען ווי זאגט מען דא, לא אלמן ישראל.

---

ר. לאריש

# „לשוניזם"

ווי קען מען דען אנדערש באצייכענען די ביישפיל־לאזע דערשיינונג פון „טאנצן קדוש" ארום שפראכלעכער פיינקייט, וואס דערגייט אפט ביז קונצנמאכעריי, ביז עכטער עקוויליבריסטיק?

אומעטום, אין גאר דער וועלט, איז שפראכלעכע פ א ר ם אן ענין פאר אויפמערקזאמקייט. שפראך מייסטערשאפט ווערט געשעצט און געאכפערט, אבער צו „לשוניזם", ווי אין העברעאיסטישען ארץ־ישראל, דערגרייכט עס ניט.

אומעטום איז שפראכלעכע פארם א וויכטיקער, אבער דאך א סעקונ־ד ע ר ע ר ענין, ווייל דאס פרימערע איז פארט דער שפראכלעכער א י נ ה א ל ט. דער ארץ־ישראלדיקער העברעיסטישער „לשוניזם", אנטקעגן, מאכט פון שפראכ־לעכער פארם גופא א פ ר י מ ע ר ן ענין, אינהאלט איז דא, פארקערט, א סעקונדערע, א שפעטערע זאך, א ביי־זאך.

„לשוניזם" איז דא אפט א קארסאזש אזא אויף צו פארהילן פאר זייטיקע און טאקע פאר זיך אליין אויך די בלויזן פון קערפער־בוי, א קאסמעטישער מיטל אזא צו פארדוויטלען א בלוטלאז פנים.



טרעפט איר דא דעריבער אין רעצענזיעס וועגן ניי־דערשינענע ביכער שטענדיק איין און דעמזעלביקן גרונטזאץ: „דער מחבר שרייבט א בעסערן אדער ערגערן העברעיש" — דאס „בעסערע העברעיש" איז ממילא שוין מכפר אויף „ערגער אינהאלט" און פארקערט, „ערגער העברעיש" דערלאזט שוין גיט אפילו קיין אויפמערקזאמקייט פארן „בעסערן אינהאלט".

גייען דא מענטשן ארויס פון א טעאטער־פארשטעלונג, פון א רעפעראט א.א.וו. איז, ווידער אמאל, דער ערשטער זאץ פון זייער אורטייל וועגן געזעענעם און געהערטן „ד ע ר ל ש ו ן איז ביי אים ביים אקטיאר, ביים רעפערענט א.א.וו. א גוטער צו א שלעכטער". וועגן א י נ ה א ל ט פארשפארט מען שוין נאכדעם צו ריידן. אז מע שמועסט „לשוניזם איבער אלעס", איז דאך ניט שייך...

פילט דא יעדער איינער „בעל־לשון" אויף זיך די פליכטן און פאראנט־ווארטלעכקייט שיר ניט פון א „שפראך אקאדעמיע", אפילו ט א ג־צייטונגען זענען דא אפט אנגעפראפט מיט פילאלאגישע אפהאנדלונגען, וועלכע וואלטן זייער ארט באדארפט האבן נאר אין ספעציעלע פ א ך־צייטשריפטן, — הקיצור: הימל און ערד און — „לשוניזם"!

אנטקעגן וואס האב איך דא דערמאנט דעם אויסטערלישען פאקט פון היגן „לשוניזם"? — אנטקעגן ח. נ. ביאליקס לעצטער לעגענדע וועגן שלמה־המלך און דעם קצב, פארעפנטלעכט אין „מאזנים".

מ'דארף זאגן דרך־אגב: ביאליק איז טאקע א גרויסער דיכטער, אבער די ממש־פעטישיזירטע באציונג צו אים איז אפט אן איבערטריבענע. אז ביאליק שרייבט עפעס אן, ווערט א טומל „פינפהונדערט מייל אויף פינפהונדערט מייל" אין דער העברעיסטישער וועלט. — די דערמאנטע צאל איז נאטירלעך, בלויז א רעטארישע, ווייל אינדעראמתן איז דאך די העברעיסטישע וועלט זייער — זייער א קליינע און באשרענקטע, — מ'צעלייגט יעדעס ווארט פון ביאליקס א נייער שאפונג „אויף טעלערלעך". מ'דרשנט און מ'קאמענטירט יעדען זאץ, יעדען אות אפילו. — א קליי־ניקייט עפעס, ב י א ל י ק האט אנגעשריבן...

באזונדערס שארף און ענטוזיאסטיש איז געווארן די רעאגירונג אויף יעדער נייער שאפונג ביאליקס די לעצטע יארן, ווען ביאליק באווייזט זיך ז ע ל ט ן מיט זיין מוזע אין דער שיינער ליטעראטור. ער שניידט א מאל דורך ווי א מעטעאר די אן־אים און ביז־אים גאנץ־גרוילעכע הימלען פון דער מאדערנער העברעישער ליטעראטור און — פארבאהאלט זיך ווידער אויף א לאנגער — לאנגער צייט...

מ'איז לעצטנס פשוט געווארען „זשעדנע" אין א ביאליקשן ווארט, ווי אין א רעטונגס־ווארט.

אזוי איז עס געוועזן מיט זיין שטראף־און זידל־ליד, וואס ער האט אנגעשריבן אויפן לעצטן ציוניסטישען קאנגרעס און אזוי איז עס אויך איצט מיט זיין לעגענדע וועגן שלמה־המלכן.

א קליינער אויסנאם פון דער אלגעמיינער באגייסטערונג ארום אט די צוויי לעצטע שאפונגען ביאליקס זענען נאר די ר ע וו י ז י א נ י ס ט ן. אנגעגרי־פענע פון דערמאנטן שטראף־און זידל־ליד, האבען זיי זיך כידוע, אוועקגעלאזן

אזש אויף „איבערשאצונג פון ווערטן“ און פון פ א ל י ט י ש ע ר „רעוויזיע“ זענען זיי אריבער צו ד י כ ט ע ר י ש ע ר „רעוויזיע“. ניט קיין אנדערער, ווי זשאבאטינסקי, דעריעניקער, וואס האט ביאליקן איבערזעצט אין רוסיש און ביז א געוויסער מאס ארייגעבראכט ביאליקס נאמען אין דער אלגעמיינער ליטעראריש־אייראפּעישער וועלט, האט דורך א פאאטייאישן „דעקרעט“ צו זיינע אנהענגער „אנטקרוינט“ ביאליק דעם דיכטער — געווען א מאל א ביאליק און ניטא מער קיין ביאליק!

אויך איצט, ביים צווייטן ווערק ביאליקס, בא דער לעגענדע וועגן שלמה־המלך, זענען עס די רעוויזיאניסטן געווען די איינציקע, וואס האבן מיט זייער ביטול־רעאגירן אריינגעטראגן א דיסאנאנס אין דער הארמאניע פון אלגעמיינער באגייסטערונג.

און ווי ענג פארטייאישע שנאה קען עס בלינד מאכן די אויגן: דאס מאל האט עפעס איינער א רעוויזיאניסט אויסגעקליבן אזא פארזשאווערט געווער, ווי באשולדיקונג אין פלאגיאט... ביאליק זאל האבן זיין לעגענדע אפגעקאפירט בא ביקאנספילד־ד׳יזראעלין (זע „חזית־העם“, נומ׳ 44, פון 5 אויגוסט ה. י.).

אבער נחזור לעניננו — מיט וואס צייכנט זיך באמת אויס ביאליקס לעגענדע? מיט בונטפארביקע סטענגעס פון קונצנמאכערישן־קונסטפולן „לשוניזם“.

דעם עצם „ספור־המעשה“ פון אט דער לעגענדע, וואס האט זיך צעצויגן אזש אויף גאנצע צוויי נומערן פון „מאזנים“, קען מען איבערגעבן סך־הכל אין דריי פיר זאצן:

ווען שלמה־המלך, א פארטריבענער דורך דעם אשמדאי, האט זיך געפונען אויף זיין וואנדער־און וואגל־וועג, איז ער א מאל געווען זייער הונגעריק. האט אים אנגעטראפן איינער א קצב, א שטארקער און גראבער יונג, וועלכער האט געוואלט פון ארימען בעטלער מאכן שפאס. האט אט דער קצב אים גענומען צו זיך אהיים און אנגעהויבן אים אזוי צו שטאפן מיט כלערליי פעטע מאכלים און אנצוזויפן מיט כלערליי שטארקע ווײַנען אז שלמה־המלך איז נעבעך שיער ניט געפאלן א קרבן אונטער זיינע הענט. ביז גאט האט געהאלפן און די פארצווייפלונג האט דעם פארפייניקטן שלמה־המלך צוגעגעבן מוט און ער איז ארויסגעשפרונגען מיט די לעצטע כחות פון קצב׳ס הויז דורך אן אפענעם פענסטער און איז קוים מיט דער נשמה ניצול געווארן. ערשט ביים טיש פון אן ארימען מכנים־אורחים האט ער שפעטער רו געפונען.

דאס איז אלץ.

וואס־זשע האט אבער ביאליק געטון? ער האט אנגעפולט זיין לעגענדע להבדיל ווי דער קצב זיינע עסנס, מיט אזוי פיל פעפער און געווירצן, שפראכלעכע געפילעכץ אזא, אז עס איז געווארן א „ספראוואטשניק“ פאר קולינארן, שכורים און לעב־יונגען...

מילא, פון ביאליקס גלענצענדיקער שפראך־מייסטערשאפט אין אט דער לעזענדע וויל איך דא ניט מיגערן, צו וואס פרעגט זיך אבער איז געווען נויטיג ארייצוברעקן אזוי פיל שפראכלעכע ווירטואזקייט אין אזא פשוטן סיוזשעט? — צו באווייזן, אז אויך אין דער הייליקער שפראך קען מען זיך



זידלען גראב־קצביש, אז אויך אין העברעיש קען מען דערציילן מיט זעלטענער קולינארישער בקיאות און חריפות וועגן „פרעס“ אזוי, אז בא די לייענער זאל אזש רינען סליונע פון מויל? — הייסט עס, אז ביאליק זאל עס טון צוליב ר ע ה א ב י ל י ט א צ י ע טעמים, צו באווייזן און דערווייזן, אז אויך אין העברעיש קען מען וועגן אלץ זאגן און ארייזאגן. פרעגט זיך, איז דאס פאר ביאליקן אן ענין? מילא ב ן ־ י ה ו ד ה, וואס האט געמאכט די „ערשטע טריט“ אויף אויפצולעבן העברעיש, האט אפשר טאקע באדארפט אנקומען צו „רעהאביליטיר־מיטלען, און צוליב זיי, אט די כוונות צו רעהאבילטירן די העברעישע שפראך האט ער טאקע זיך פארוואנדלט אין א „טייטש ווערטער־פאבריק“, אין אן אנגרא־מאשין צו פאבריצירן הונדערטער נייע, דאס רוב אומגעלומפערטע ווערטער אין א שעה... אבער ווי קומט עס צו ביאליקן, וועלכער איז אזוי האפערדיק וועגן ש ו י ן ־ ל ע ב ע ד י ק ן מיכלומרשט העברעיש, וואס האט אפילו מיטן „שם המפורש“ פון לעבעדיקער העברעיש איבער אלץ און אלעס אין יידישען לעבן גענומען שיטן רידלעך ערד אויף דעם קבר יידיש רחמנא לצלן. (ווער געדענקט דען ניט זיינע הספד־רעדעס אויף דער אונטערגייענדיקן יידיש, דעם איינעם פון די אכצן ושארגאנען, וואס אידן האבן פארמאגט אין גלות ביז ס׳איז אויפגעקומען דער אלמעכטיקער העברעיש פון היינטיקן ארץ־ישראל, די רעדעס, וואס ער האט געהאלטן בשעת זיין לעצטער רייזע איבער די לענדער פון „גלות“?)

אז מען איז שוין יא אזוי פעסט און זיכער מיט העברעיש, באדארף מען דאך קיין שפראכלעכע קאסמעטיק, קיין שפראכלעכע רעהאבילטאציע ניט!

אדער אפשר איז ביאליקס לעצטע חולשה צו שפראך צוליב שפראך צו בלויזער פארם, פ א ר ם במקום אינהאלט, פארם וואס איז אליין א אינהאלט, א רעזולטאט פון ביאליקס עלטערע יארן? — אז מ׳ווערט אלט, הויבט מען זיך אן ווי קליינע קינדער אמאל שפילן מיט צאצקעס...

יעדנפאלס איז ביאליקס לעצטע שאפונג מיט אירע בונטפארביקע שפראכלעכע ראקעטן בא א שוואכן אינהאלט א גוטער צושטייער צום ארץ־ישראלדיקן העברעיסטישן „לשוניזם“.

צי גיט דאס צו כבוד דעם פארריסענעם העברעיזם?

---

דניאל לייבל

## דער „גוי“ אין דער יידישער ליטעראטור

(נאר א באמערקונג)

איך בין נישט חלילה אויסן צו שרייבן א ליטעראר־היסטארישע אפהאנדלונג איבער דער דאזיקער טעמע, וואס וויפל איך ווייס, איז זי אפילו נישט אנגערירט געווארן דורך קיינעם פון אונזערע פארשער און קריטיקער—אפילו נישט אין ראטן־רוסלאנד, אפילו נישט דארט וואו ליטעראטור־

קריטיק באטייט, אדער וואלט געראפט באטייטן — קריטיק פונם לעבן. איך האב נישט אונטער דער האנט אפילו דעם מאטעריאל פאר א כראנאלאגישן איבערבליק: פון „שיכור איז דער גוי" פונם יידישן פאלקס־ליד, ביז צו ריוועסעס „מטבעות" אין דאזיקן העפטל. איך האב נאר דאס וואס האט זיך אפגעזעצט אין זכרון, דעם אלגעמיינעם איינדרוק: קיינמאל איז פאר אונז דער גוי קיין פראבלעם נישט געווען. ער איז געווען עפיזאד: שבת־גוי, אפגענארטער גויקעלע, פריץ, פאנראמשטשיק אדער גוטער גוי. מענטש, ריין מענטש, קיינמאל נישט. אזוי זאגט עדות די יידישע ל'טעראטור. אונזערע מענטש־פראבלעמען האבן זיך תמיד געזוכט א י י ד י ש ע פארקערפערונג. אונזער באציאונג מיטן גוי איז שטענדיק געבליבן א פאקט אן טיפערע מסקנות — סיידן אין דער „פובליציסטיק" און אידעאלאגיע.

און אויב די אפגעריסנקייט פון דער לעצטער יידישער ליטעראטור נארט מיך נישט: אזוי איז עס געבליבן ביז צום היינטיקן טאג. און די יידישע ארבעטער־באוועגונג, מיט איר ארטאדאקסאלן אינטערנאציאנאליזם, איז דאך שוין באלד פערציק, שוין איבער פופציק יאר ווי די יידישע אינטעליגענץ קייעט אינטערנאציאנאליזם. און אט רעדן מיר און שרייבן האפערדיק וועגן דעם פראלעטארישן כאראקטער פון דער יידישער ליטעראטור, און אז עס קומט צום פינטעלע „גוי", וועט איר זוכן מיט ליכט דעם אינטערנאציאנאליזם, און איר וועט נישט געפינען. האבן טאקע פופציק יאר אינטערנאציאנאליסטישע אידעאלאגיע נישט באוויזן ארויסצורופן איין גרויסע גוישע געשטאלט, איין טיפע שטארקע גוישע פיגור אין דער יידישער ליטעראטור? ניין, טאקע נישט באוויזן. דאס איז א טרויעריקער פאקט, וואס דארף געבן צו טראכטן. און דא זעען מיר אזוי אומדאנקבאר איינזייטיק. זיי, מיר רופן עס איצט פובליציסטיש־שעמעוודיק, די נישט־יידן (און פאלש גויים, האבן געהאט אסך א טיפערן, אי צוגאנג, אי אינטערעס, צו דערקענען, צו דערגרונטעווען דעם יידן, יא, און צו שאפן אים קינסטלעריש, סיי דעם גביר, סיי דעם מאסן־מענטש. האט דאסטאיעווסקי געזען אין יידן א טייוול. איז וואס? איז דאס נישט קיין צוגאנג צום מענטשן? אומעטום אין אלע וועלט־ליטעראטורן איז דער ייד א פראבלעם, איבער וועלכן מען ברעכט זיך, מען מאטערט זיך. די יידישע ליטעראטור קען אויסקומען אן דעם גוי, בשעת דאס לעבן איז מיט אים דורכגעבונדן און דורכגעפלאכטן. הונדערט און פופציק יאר פאר די טירן און אין די טויערן פון דער גוישער וועלט, אלע גוישע וועלטן אין אונז, און אזוי ווייט פון ממשותדיקן, ביז דער נשמה, באריר! אויך דא דארפן זיך ארויסווייזן פארשידענע מדרגות, און אוודאי און אוודאי דארפן די מדרגות איינשטימען מיט א סאציאלן מאטעריאליסטיש־דיאלעקטישן אנאליז לויט קלאסן און אינטערעסן. צום באדויערן, אין אונזער שיינער ליטעראטור, לאזט זיך, ווי מיר דאכט, אזא אנאליז נישט דורכפירן — שטענדיק דער איינגענער טעמפער ווינקל, וואס זיינע ביידע ארעמס ווייזן: דא ייד, דארט גוי!



און וואו איז דער רוסישער מענטש: ארבעטער, סאלדאט, פויער פון דער גרויסער ראטן־רעפובליק? דארט איז דאך פאראן אי ווילן דערצו, אי מארקסיסטישע אינטערנאציאנאליסטישע אידעאלאגיע, אי אזויפיל נייע, אומגעריכטע באריר־פונקטן און מעגלעכקייטן. פארוואס הערן מיר פון דארט נישט קיין גרוס וועגן גוי אין דער יידישער ליטעראטור? — אפשר פון אמעריקע מיט איר געטא — א געטא נישט מיט קיין מויער, נאר מיט אן אייזערנעם שיטערן פארקאן?

עס איז פאראן א טיפער אונטערשייד צווישן די מעגלעכקייטן פון יעדער נישט־יידישער ליטעראטור לגבי דעם יידן, און דער מעגלעכקייט פון דער יידישער ליטעראטור לגבי דעם „גוי". דער „ייד" פארן „גוי" איז ע ר ש י י נ ו נ ג, ג ע ש ט א ל ט. די גוישע ליטעראטור באגרייפט אים, זי באנעמט אים מיט חושים, זי זעט און זי מאלט אים, ער האט אינדיווידועלע שטריכן, און זי איז פריי אים תופס צו זיין. צי ער קומט פארביי אויפן וועג, צי ער באהעפט זיך, ער איז נישט איבערמעכטיק. דער יידישער ליטעראטור פעלן די אלע מעגלעכקייטן לגבי דעם „גוי". דער „גוי" פארן יידן איז גורל, ער איז מאסע אן אינדיווידועלע שטריכן, זיין בילד איז באלויכטן מיט שארפע פייערן, פון מלחמה, פון רעוואלוציע, פון פאגראמען, און פון אלטן נאך נישט אפגעמעקטן, אויך נישט אויסגעלעבטן שרעק. דער היסטארישער רעפלעקטאר בלייבט הענגען אויך איבער טאג־טעגלעכע קליינע מענטשלעכע באציאונגען. דאס קליינע, דער שטריך, פארשווינדט, עס בלייבן די גרויסע קאנטורן, נישט קיין בילדער. דאס אויג איז נישט פריי צו זען דעם פרט. אזוי שטארק און איבערמעכטיק איז דאס גאנצע.

איך דערוועג זיך צו זאגן: פאר א מער אינטערנאציאנאליסטישער קינסטלערישער תפיסה איז נויטיק העזה, אימפעט, — אויסגעגלייכטע פלייצעס. — — מיר דא אין ארץ־ישראל האבן עפעס דערפון — אויך קנעכטשאפט דערגעבן —, און אט שטייען מיר פאר א פראבלעם „גוי", וואס מוז — אזוי צי אזוי — געלייזט ווערן, דאס פראבלעם פון ייד־אראבישן צוזאמענלעבן.

מ'ר וועלן אפשר זיין פון די ערשטע אין דער יידישער ליטעראטור, וואס וועלן ברעכן דעם כישוף, וואס לאזט נישט אריין דעם גוי אין דער יידישער ליטעראטור. די ערשטע שוואלבן ווייזן זיך שוין, נישט קוקנדיק אויף דער אזוי פרישער באקאנטשאפט. צו פרילינג איז נאך ווייט. על כל פנים נישט אין שרעק וועט זיין די מניעה.

און דער טאג וואס מ'וועט קענען זאגן, אז דער „גוי" איז אריין אין דער יידישער ליטעראטור אויף אן אמת, און נישט ווי א צופאל, וועט דאקומענטירן די תקופה פון אמתער נאציאנאלער באפרייאונג. און צוזאמען דערמיט וועט עס זיין איינער פון די זעלטנסטע נצחונות פון אינטערנאציאנאליסטישער וועלט־באנעמונג און וועלט־געפיל.

**ד - טש**

# העברעאישע אותיות זענען אין א״י פארבאטן...

עס קומען אויפן זכרון אלטע „גוטע צייטן“:

יידיש טעאטער איז אין צאַרישן רוסלאנד פארבאטן. יידישע ארטיסטן ווילן דאך שפילן „יידיש טעאטער, יידישע מאסן ווילן דאך זעען יידיש טעאטער. פאלט מען אויף אן המצאה: די קמצן ווערן פארביטן אויף פתח, די פיעסע ווערט דעם מאכט דערלאנגט מיט לאטיינישן שריפט, הייסט עס — מען שפילט דייטש, מעג מען.

די צייטן פון דער דייטשער אקופאציע אין פוילן, בעת דער וועלט-מלחמה. די אקופאַציע-מאכט האט אין דער ערשטער צייט ארויסגעגעבן א פארבאט: מען טאר נישט שיקן דורך פאסט קיין יידישע בריוו. האבן ווידער די לאטייני‍שע אותיות געראטעוועט...

יארן זענען א דורך. פונם צאר און פונם צאריזם איז קיין שריד ופליט נישט געבליבן. די דייטשע אקופאנטן זענען פון פוילן שוין לאנג פארטריבן געווארן. אבער דער גייסט פון די צארישע „דערזשימארדעס“ און דייטשע יונקערס האט זיך פארקליבן אויף דעם פאס ערד, וואס צווישן ירדן און מיטל-לענדישן ים. און דא האט אויך ווידער א תיקון געפונען די אלטע יידישע המצאה.

א ייד בויט דאך סוף כל סוף אויס אין תל-אביב א קינא נישט צוליב „החית האומה“, נאר צוליב פראפיט. און קאסע פאדערט מאסע. און מאסע איז נאך אלץ נישט שוה-בשוה מיט העברעאיש-לשון. אבער נעמען און רעדן צו איר פראסט פשוט מאמע-לשון טאר מען נישט. שטרענג פארבאטן. איז געלויבט השם יתברך, וואס האט געשיקט די לאטיינישע רפואה פאר דער העברעאיסטישער מכה. זעט מען אלץ אפטער אויף די קינא-אפישן און די גאסן און אין אנאנסן אין די צייטונגען אט די דערשיינונג: אויבנאן דער העברעאישער טיטל פונם פילם און באלד נאכדעם אין קלאמערן מיט פעטן שריפט:

„Du, mein lieber Leopold“

אדער

„Komm zu mir zum rendez-vous“

און אזוי ווייטער און דאסגלייכן.

שטיי איך פאר אזא אפיש, אדער האלט אין האנט אזא צייטונגס-אנאנס און טו א טראכט:

וואס וואלט געווען, ווען די זעלבע ווערטער וואלטן געדרוקט געווארן מיט העברעאישע אותיות?.. טאקע אט אזוי:

„דו, מיין ליבער לעאפאלד“

„קום צו מיר צום ראנדעוואו“.

איר שטעלט זיך פאר, וואס עס וואלט זיך דא געטאן? וואס פאר א שטורם וואלט זיך עס אויפגעהויבן! ווי וואלט זיך עס תיכף אלץ מאביליזירט און זיך געשטעלט אין איין פראנט — אלץ, פון רעוויזיאניסטן ביז מפא״י!

איצט איז שא-שטיל. ס׳איז כשר וישר. מיט לאטיינישע אותיות מעג מען. אזוי האט די שנאה צו יידיש דערפירט צו דעם קוריאז: העברעאישע אותיות זענען אין ארץ-ישראל אין געוויסע פאלן שטרענג פארבאטן!..

ווער האט זיך עס גאר געקענט פארשטעלן, אז דא וועט זיך איבערהזרן דאס אלטע שפיל און דא וועלן דארפן אנגעווענדעט ווערן די אלטע יידישע המצאות, וואס זענען געבוירן געווארן אין די פינצטערע צייטן פון צארישער דעספאטיע און דייטשער אקופאציע!

---

# קורצע ארץ־ישראל נייעס

א פארן חודש יוני האבן איינגעוואנדערט קיין א״י 524 יידן, 116 קריסטן, 20 מוסולמענער, אויסגעוואנדערט האבן: 48 יידן, 87 קריסטן, 17 מוסולמענער.

א פארן חודש איז ליקווידירט געווארן דער אויפשטאנד פון ראפאדא קסנן איבן־סעודן פון נג׳ד. אין עבר־הירדן אין דער ממשלה פון אבדאללא האט מען געפרובט אפלייקענען, אז ראפאדא איז געהרגעט געווארן. די א״י־רעגירונג האט באשלאסן צו באפעסטיקן די דרום־גרענעצן און גרינדעט דארט פיר וואך־פונקטן. איינער אין עין־דפיא, נאענט צו אילת. אין אילת איז שוין דא אן ענגלישע שיף. בכלל פארפעסטיקט די רעגירונג אילת. — אפן ברעג פונם רויטן ים, אין דרום פון סועץ, אויפן וועג צו אינדיע. דאס איז דער וויכטיקסטער רעזולטאט פון ראפאדאס מרידה.

א עס איז פארגעקומען א מוסולמענישע קאנפערענץ מיטן אנטייל פון דעלעגאטן פון חיפה, שכם, תול־כרם, לוד, קלקיליה און אנדערע. מען האט ארומגערעדט דעם ענין פון דער מוסולמענישער אוניווערסיטעט.

א די שכמער שטאט־פארוואלטונג האט באקומען א הלואה פון 20.000 פונט פון באַ־קליים באנק פאר וואסער־אינסטאלאציע מיט דער באשטעטיקונג פון דעם קאלאניע־אפיס אין לאנדאן.

א די וואלן צום אויבערשטן מוסולמענישן ראט, וועלכע דארפן אין קורצן פארקומען, וועלן זיין, ווי מען גיט איבער, דירעקטע, אבער געקליבן, וועלן ווערן נאר די מיטגלידער פון ראט און נישט דער מופטי.

א דער האפן אין חיפה האלט ביי פארענדיקט ווערן, אין יאר 1933 גרייט מען זיך צו דער פייערלעכער דערעפנונג. די רעגירונג האט שוין פארביליקט דעם אייזנבאן־טאריף פון אלע סטאציעס קיין חיפה פאר מאַראנצן־קעסטלעך ביז אויף 12 מילים.

א די הכנסות פון דער רעגירונג פארן חודש אפריל זענען געווען: 211.000 פונט, און די הוצאות — 192.113 פונט.

א אין משך פון יאר 1931 זענען אויסגעגעבן געווארן אויף בוי־ארבעטן אין לאנד — 2.720.000 פונט קעגן די 2.448.000 פונט פארן יאר 1930. אויף געזעלשאפטלעכע ארבעטן זענען אויסגעגעבן געווארן פארן יאר 1931 — 97 טויזנט פונט קעגן 90 טויזנט פונט פארן פארגאנגענעם יאר. אין תל־אביב זענען אויסגעגעבן געווארן אויף בוי־ארבעטן אין פארגאנגענעם יאר 310 טויזנט פונט קעגן 175 טויזנט פונט פארן יאר 1930.

א עס זענען אנגעקומען אין לאנד די רערן פאר דער איראקישער נאפט־געזעלשאפט, וועלכע בויט איר ביוראען נאנט צום קישון און אויך 28 — 30 ציסטערנען. די ארבעטן וועלן אנגעהויבן ווערן אין חיפה אין א האלב יאר ארום נאכדעם ווי עס וועלן פארענדיקט ווערן די ארבעטן אין מדבר איראק און עבר־הירדן.

א עס איז געגרינדעט געווארן אן אראבישע געזעלשאפט פון באנאנען־פלאנצערס פון יריחו און בית־שאן.

א אין ירושלים, ביי דער ציסטערנע אין רוממה האט די הסתדרות געפאַדערט ארבעט אויך פאר יידישע ארבעטער פון אויסלענדישן קבלן. דער סכסוך

איז דערגאנגען דערצו, אז די הסתדרות האט אראפגענומען ל"ע פאכמענער ייִדן פון דער ארבעט. אלס שטרייק־ברעכער זענען דערשינען א פאר פראק־ציאנערן, וועלכע האבן געארבעט אונטער דער וואך פון פאליציי. ענדלעך איז דערגרייכט געווארן הסכם, אז נאך דעם ווי די אראבישע ארבעטער פארענדיקן איין טייל ארבעט, וועלן ביי די נייע ארבעטן באשעפטיקט ווערן אויך יידישע ארבעטער.

אין תל־אביב זענען פארגעקומען א ריי לאקאוטן, ביי קריניצי־גוראיסקי, אין פאבריק „פעמון" און אין די רעסטאראנען. אין די לעצטע האבן די קעלנער געפאדערט אפשאפן טרינק־געלט און פארבייטן מיט פראצענטער. די לאקאוטן ביי קריניצי־גוראיסקי, ווי אויך אין די רעסטאראנען זענען פארענדיקט מיט א נצחון פון די ארבעטער. דער לאקאוט אין „פעמון" דויערט ווייטער. ארבעטער זענען ארעסטירט געווארן און געשטעלט פאר א משפט.

אין הדר איז פארגעקומען א סכסוך צווישן דער הסתדרות און דעם ארבעטס־געבער, וועלכער האט אנגעשטעלט ארבעטער פון „הפועל המזרחי" און אן דער לשכה. עס איז געקומען צו צוזאמענשטויסן, ארעסטן און משפטים. די זאך איז איבערגעגעבן געווארן צו א בוררות פון ועד־הלאומי, וועלכער האט צוגעפסקנט די עיקר־ארבעט דעם „הפועל המזרחי".

אין גיכן פארענדיקט זיך די וואסער־עפאפעע אין ירושלים. עס ווערן פארענדיקט די וואך די צוגרייטונגען צו ברענגען וואסער פון וואדי־קעלט, און אין א וואך ארום וועט שוין די באפעלקערונג אין ירושלים האבן גענוג וואסער. אין צוזאמענהאנג דערמיט באנייט זיך די בוי־טעטיקייט אין ירושלים.

די רעגירונג האט מותר געווען אויף א 75 פראצענט פון די אלטע חוב'ת פאר עושר.

אין צוזאמענהאנג מיט די הסכמים פון דער אטאווער קאנפערענץ, ספעציעל מיטן הסכם צווישן ענגלאנד און דרום־אפריקע, ווערט פארגרע־סערט דער צאל אויף מאראנצן, וואס קומען קיין ענגלאנד א חוץ פון דרום־אפריקע, אין די חדשים פון 15־טן מערץ ביז נאוועמבער. אויף אזא אופן ווערט שטארק אנגערירט דער מאראנצן־עקספארט פון א"י, ווייל אין די חדשים סעפטעמבער, אקטאבער און פון 15־טן מערץ ביזן 1־טן מאי ווערט נאך ארויסגעשיקט ביז א 20 פראצענט פון גאנצן מאראנצן־עקספארט פון א"י.

די רעגירונג האט פארעפנטלעכט א פארשלאג פון א נייעם פרעסע־געזעץ.

**א. ש.**

פרייז: אין לאנד 15 מיל — אין אויסלאנד 10 סענט.

אדרעס פון רעדאקציע:
Dr. N. Rafalkes, Tel-Aviv (Palestine) Achad-Haam str. 34

פאראנטווארטלעכער (אחראי) דניאל לייבל. דפוס „פועלי־ציון", תל־אביב.